פרשת ויקהל-פרה
תשפ"ה
גליון קל"ו
שנה ד'

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

## פרשת ויקהל

### די גאלדענע תכשיטים האט קודם געדארפט האבן די ווייב'ס רשות און נאכדעם די מאנ'ס רשות

**ויבאו האנשים על הנשים כל נדיב לב הביאו חח ונזם... וכל איש אשר הניף תנופת זהב לה'.** (לה, כב)

פונעם לשון **"ויבאו האנשים על הנשים"** פארשטייט מען אז די מענער זענען **מיטגעקומען מיט די ווייבער**, ווייל דאס מיינט **"על" הנשים - בנוסף** צו די ווייבער, איז משמע אז קודם זענען געקומען די ווייבער ברענגען די נדבות און נאכדעם זענען מיטגעקומען די מענער. דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס זענען די ווייבער די עיקר? אזוי אויך דארף מען פארשטיין, ווייל דער פסוק ענדיגט צו **וכל "איש" אשר הניף תנופת זהב, אז די מענער** האבן געברענגט די גאלד, פארוואס שטייט דא נישט די ווייבער?

נאר דער חילוק איז, ווייל קודם רעדט דער פסוק פון די גאלדענע **תכשיטים**, וואס מיט דעם גייען בעיקר די ווייבער. און די הלכה איז, אז א מאן טאר נישט מנדב זיין זיין ווייב'ס תכשיטים אן איר רשות (עי' ערכין כד.), אזוי אויך טאר א פרוי נישט אוועקגעבן אירע חפצים אן איר מאנ'ס רשות (ב"ק קיט.). ממילא כדי צו געבן די תכשיטים פאר'ן משכן האט מען געמוזט האבן סיי דעם מאן'ס רשות און סיי די פרוי'ס רשות,ביידע האבן געמוזט מסכים זיין.

און די משנה זאגט (גיטין נה:), אז א מאן וואס האט פארקויפט א פעלד וואס איז מיוחד פאר זיין ווייב'ס כתובה און נאכדעם האט די פרוי צוגעשטימט צום מקח, איז דער מקח בטל, ווייל זי קען זאגן אז באמת האט זי נישט מסכים געווען נאר "נחת רוח עשיתי לבעלי", היות איר מאן האט דאס פארקויפט האט זי זיך נישט געוואלט דינגען מיט אים. אבער אויב האט די פרוי קודם מסכים געווען צו פארקויפן דעם פעלד און נאכדעם האט איר מאן דאס פארקויפט, איז דער מקח א מקח, ווייל יעצט קען זי נישט טענה'ן אז זי האט עס געטון משום נחת רוח לבעלה, ווייל זי האט דאך לכתחילה מסכים געווען צום מקח.

איז ביים מנדב זיין די גאלדענע **תכשיטים** האט די פרוי **קודם** געמוזט געבן רשות אז איר מאן קען דאס מנדב זיין, ווייל אויב זי געבט נישט קודם רשות קען זי דאך טענה'ן אז זי האט נישט באמת געוואלט נאר "נחת רוח עשיתי לבעלי". וועגן דעם שטייט דארט **"ויבאו האנשים על הנשים"** אז די מענער זענען געקומען **בנוסף** צו די ווייבער, דהיינו קודם כל האבן די ווייבער געמוזט מסכים זיין צו מנדב זיין זייער צירונג און נאכדעם האבן די מענער צוגעלייגט זייער רשות, ווייל פארקערט וואלטן די ווייבער געקענט טענה'ן "נחת רוח עשיתי לבעלי".

משא"כ סוף פסוק רעדט די תורה פון אלע אנדערע גאלד וואס זענען נישט קיין תכשיטים, וועגן דעם שטייט דארט **וכל "איש" אשר הניף תנופת זהב** אז די **מענער** אליין האבן דאס געברענגט, ווייל די אנדערע גאלד וואס געהערט נישט צו די ווייבער דארף מען נישט האבן זייער רשות.

### משה רבינו האט געהייסן אויפהערן מיט די ארבעט ווייל נאר א הזמנה לגוף הקדושה מילתא היא איז נאר יענע נדבות וועט מען נישט קענען מער נוצן לצורך חול

**מרבים העם להביא מדי העבודה למלאכה אשר צוה ה' לעשות אותה. ויצו משה ויעבירו קול במחנה לאמר איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקודש...** (לו, ה-ו)

מען דארף דא מדייק זיין: וואס פעלט אויס וואס דער פסוק זאגט **"אשר צוה ה' לעשות אותה"**, לכאורה וואלט גענוג געווען ווען עס שטייט נאר **"מרבים העם להביא מדי העבודה למלאכה"**, ווייל יעדער ווייסט דאך אז מען רעדט דא פון מלאכת המשכן וואס דער אויבערשטער האט געהייסן? אזוי אויך איז שווער, ווייל מען איז געקומען זאגן **"מרבים העם להביא"** אז די אידן ברענגען שוין צופיל, האט משה רבינו געהייסן אויסרופן **"איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה"** מען זאל אויפהערן **מיט די ארבעט**, לכאורה וואלט ער געדארפט הייסן אויפהערן **צו ברענגען?!**

נאר וואס איז די פראבלעם אז די אידן ברענגען צופיל נדבות? ווייל התורה חסה על ממונם של ישראל, ווייל די נדבות וואס וועלן איבערבלייבן וואס מען דארף נישט פאר'ן משכן וועט מען מער נישט קענען נוצן לצורך חול, וועגן דעם איז מען געקומען זאגן פאר משה רבינו אז עס איז שוין דא גענוג און מען זאל אויפהערן צו ברענגען.

אבער עס איז באוואוסט וואס חז"ל זאגן (נדרים ט:) אז הלל פלעגט מקדיש זיין זיין עולה ממש שטייענדיג ביים פתח העזרה, כדי מען זאל נישט צוקומען מועל צו זיין אין דעם. איז מסתמא האבן די אידן דעמאלטס אויך נישט מקדיש געווען זייער תרומה תיכף ביים ברענגען, נאר ערשט ווען די מלאכה איז שוין פארטיג געווארן און מען האט עס איבערגעגעבן פאר'ן גזבר פון הקדש. אזויווי עס איז מדויק אין לשון הפסוק (לעיל לה, ה) **"קחו" מאתכם תרומה** - זיי זאלן **נעמען** א תרומה, פארוואס שטייט נישט **"תנו"** זיי זאלן געבן? ווייל זיי האבן נישט געגעבן די תרומה גלייך לגבוה, נאר נאך וואס זיי האבן שוין **גענומען** די פערטיגע כלי אין האנט, ערשט דעמאלטס האבן זיי דאס מקדיש געווען פאר'ן משכן, ווייל אויב זיי וועלן דאס מקדיש זיין פריער קען מען צוקומען מועל צו זיין בהקדש. משא"כ ווען זיי נעמען עס שוין אין האנט און געבן עס תיכף איבער פאר הקדש איז נישטא קיין חשש מעילה (וכמו שפירש רבינו בפר' תרומה עה"פ 'ויקחו לי תרומה').

אויב אזוי האט משה רבינו נישט געהאט וואס מורא צו האבן אויף די נדבות וואס בלייבן איבער פאר'ן אויסארבעטן, ווייל וויבאלד זיי האבן דאס נאכנישט מקדיש געווען איז עס נאכנישט געווארן הקדש, ממילא וועט מען עס נאך קענען נוצן לצורך חול.

אבער די נדבות וואס די חכמי לב האבן שוין אויסגעארבעט און געמאכט פון דעם כלים, האט יא א פראבלעם אפילו זיי האבן עס נאכנישט מקדיש געווען. ווייל דער רמ"א זאגט (או"ח סי' מב ס"א), אז קלף וואס מען ארבעט אויס לצורך תפילין טאר מען נישט נוצן לצורך חול, ווייל א הזמנה "לגוף הקדושה" - וואס די זאך אליין איז הייליג - מילתא היא. און דער מגן אברהם זאגט דארט (סק"ו) אז דאס רעדט זיך פון עור וואס מען ארבעט אויס פאר קלף אדער פאר בתים פון תפילין, וואס זיי הייסן "גוף הקדושה", ביי דעם זאגט מען הזמנה מילתא היא, אז ווי נאר מען ארבעט עס אויס פאר דעם זאך טאר מען עס מער נישט נוצן לצורך חול. קומט דאך אויס, אז די נדבות וואס די חכמי לב האבן שוין **אויסגעארבעט** וואס מיט דעם האבן זיי געמאכט א הזמנה **לגוף הקדושה** איז דאך **הזמנה מילתא היא** און עס איז שוין געווארן הקדש, ממילא קען מען דאס מער נישט נוצן לצורך חול.

אויב אזוי שטימט דער פסוק הפלא ופלא, אז מען איז געקומען זאגן פאר משה רבינו אז די אידן ברענגען שוין צופיל סחורה **"למלאכה אשר צוה ה' לעשות אותה"** - וואס מען דארף **אויסארבעטן** פאר א **גוף הקדושה**, און אויב אזוי וואס עס וועט איבערבלייבן וועט מען דאך מער נישט קענען נוצן לצורך חול.

# די הייליגע צוואה

## ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת


### הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד

הר"ר **אברהם מאיר יעקב פאלאטשעק** הי"ו

לרגל נישואי בתו תחי' למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה לבנות בית נאמן בישראל


# פרה

## אלע מצוות איז מעגליך משיג צו זיין נאר פרה אדומה קען קיינער חוץ משה רבינו נישט משיג זיין

**זאת חקת התורה אשר צוה ה' לאמר דבר אל בני ישראל ויקחו אליך פרה אדומה...** (במדבר יט, ב)

פארוואס שטייט **זאת חקת** "**התורה**", לכאורה וואלט וועו געדארפט שטיין **זאת חקת** "**הפרה**", ווייל דא רעדט די תורה ספעציעל פון **פרה אדומה?**

נאר רש"י זאגט, אז עס שטייט "**חקת**" ווייל דאס האט נישט קיין טעם, "גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה". אויב אזוי קען דאך דער יצר הרע קומען איינרעדן, אז אויב נאר ביי פרה אדומה זאגט די תורה אז דאס איז א חק בלי טעם קומט דאך אויס אז אלע אנדערע מצוות קען מען יא פארשטיין מיט'ן שכל. איז אויב אזוי, א מצוה וואס ער פארשטייט נישט די טעם דארף ער נישט מקיים זיין. ווייל אלע אנדערע מצוות חוץ פרה אדומה קען דאך יעדער משיג זיין און אויב ער איז דאס נישט משיג איז פשט אז דאס איז נישט קיין מצוה.

אבער דער אמת איז, אז די תורה האט געשריבן "**חקת**" דייקא ביי פרה אדומה נישט ווייל אלע אנדערע מצוות פארשטייט יעדער איינער, ווייל אודאי זענען דא נאך אסאך מצוות וואס מענטשן זענען נישט משיג די טעם דערפון און זיי דארפן דאס אויך מקיים זיין ווי א "חק בלי טעם" אן צו פארשטיין. נאר פונדעסטוועגן איז פרה אדומה אנדערש, אז דער מצוה ספעציעל קען **קיינער** נישט משיג זיין חוץ משה רבינו, משא"כ אלע אנדערע מצוות, זענען סוף כל סוף דא מענטשן וואס קומען אן צו א הויכע מדריגה און זיי זענען זוכה משיג צו זיין די טיפע סודות און כוונות פון דעם מצוה.

איז א מענטש וואס פארשטייט נישט די טעם פון אנדערע מצוות דארף וויסן אז דאס וואס ער פארשטייט נישט איז נישט פשט אז דאס איז נישט קיין מצוה, ווייל אינ'אמת'ן זענען אלע אנדערע מצוות אויך א "חק בלי טעם". נאר דער חילוק איז, אז אלע אנדערע מצוות **זענען דא אזעלכע** וואס קענען דאס יא זוכה זיין צו פארשטיין, און אויב ער פארשטייט דאס נישט איז די פראבלעם **אין אים** אז **ער** איז נישט זוכה דאס משיג צו זיין. און אויב ער וועט טון די מצוות ווי מען דארף, קען זיין אז מיט די צייט וועט דער אויבערשטער אים אריינשיינען נייע השגות און ער וועט משיג זיין די מצוות וואס ער האט ביז יעצט נישט פארשטאנען. משא"כ פרה אדומה איז א סוד כמוס וואס **קיינער** קען נישט משיג זיין חוץ משה רבינו.

וועגן דעם זאגט דא דער פסוק "**זאת חקת התורה**" אז דער ענין פון "חק בלי טעם" איז באמת געזאגט געווארן אויף **די גאנצע תורה**, נישט נאר אויף פרה אדומה, כדי דער מענטש זאל זיך נישט לאזן איבעררעדן פונעם יצר הרע אז אלע אנדערע מצוות קען יעדער משיג זיין, און אויב אזוי וואס מען איז נישט משיג איז נישט קיין מצוה. ווייל אפילו אויב דו פארשטייסט דאס נישט, זענען זיכער דא אזעלכע וואס זענען דאס יא משיג נאר דו ביזט נאכנישט ראוי דערצו, און גאנץ מעגליך אז מיט די צייט וועסטו עס אויך קענען משיג זיין.

נאר מיט דעם אלעם איז אבער פרה אדומה אנדערש, אז "**ויקחו אליך**" **פרה אדומה**, אז די טעם פון **פרה אדומה** קען **קיינער** נישט משיג זיין נאר משה רבינו. ווי דער מדרש זאגט (במדבר רבה יט, ו): "**לך אני מגלה טעמו**" פאר דיר - משה רבינו - בין איך מגלה די טעם פון פרה אדומה, און חוץ דיר קען דאס קיינער נישט משיג זיין.

**'קומץ המנחה' פרשת חקת - דרוש כד אות ב**

האט משה רבינו געהייסן תיכף אויסרופן: **איש ואשה "אל יעשו עוד מלאכה" לתרומת הקודש**, אז די חכמי לב זאלן שוין אפשטעלן **די ארבעט!** פארוואס? ווייל **די נדבות אליין** איז דאך נישט קיין פראבלעם, ווייל דאס האבן זיי נאכנישט מקדיש געווען, ממילא וועט מען דאס נאך קענען נוצן לצורך חול. משא"כ דאס וואס מען האט שוין **אויסגעארבעט**, הייסט דאך שוין **הזמנה לגוף הקדושה** וואס דאס באקומט דאך שוין יא א קדושה, ממילא מוז מען די ערשטע זאך אפשטעלן **די ארבעט**, ווייל נאר די אויסגעארבעטע נדבות האבן א פראבלעם אז מען וועט נישט קענען נוצן לצורך חול.

## "והותר" איז געווען צוליב די הימלישע ברכה וואס האט שורה געווען אויף דעם

**והם הביאו אליו עוד נדבה בבקר בבקר... והמלאכה היתה דים לכל המלאכה לעשות אותה והותר.** (לו,ג-ז)

די מפרשים שטעלן זיך שוין אז לכאורה איז דא דא א סתירה, ווייל "**דַיָם**" מיינט פונקט וויפיל מען דארף, און "**והותר**" מיינט איבער גענוג, איז געווען פונקט גענוג אדער איבעריג?

נאר אין זוהר הק' שטייט (תרומה קכח.) אז ווען א מענטש געבט עפעס פאר א דבר מצוה דארף ער דאס געבן ברוח נדיבה, און אזוי איז שורה אויף דעם די ברכה פונעם אויבערשטן און עס גייט אוועק פון דעם די חלק וואס געהערט צום סטרא אחרא.

קען מען זאגן, אז למעשה האבן די אידן נישט געברענגט מער פון וואס מען האט געדארפט, נאר וויבאלד זיי האבן דאס געטון מיט א געוואלדיגע רעותא דליבא, אזויווי דער מדרש זאגט (שמו"ר מא, ב) אז ביז צוויי טעג האבן זיי שוין געברענגט אלעס וואס מען האט געדארפט, ממילא איז אריין אין דעם א ברכת ה' און דאס האט גורם געווען א ספעציעלע ריבוי ביז דאס איז געווארן איבער גענוג מצד די הימלישע ברכה וואס האט שורה געווען אין דעם.

דאס זאגט דער פסוק: ווייל "**והם הביאו אליו עוד נדבה בבקר בבקר**" די אידן האבן געברענגט אין אזא קורצע צייט פון "**בבוקר בבוקר**" - אין בלויז צוויי טעג - אלע נדבות, וואס דאס ווייזט אויף די געוואלדיגע התלהבות צו די מצוה אז אין אזא קורצע צייט האבן זיי שוין אלעס צוגעשטעלט ביז "**והמלאכה היתה דים**" עס איז שוין געווען גענוג פון אלעס, איז פון דעם אליינס געווארן "**והותר**" אז דאס איז געווארן איבער גענוג, ווייל עס איז פארמערט געווארן פון די הימלישע ברכה וואס האט שורה געווען אין דעם.


מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.


gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868